בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

תולדות תשפ"ב
גליון 66

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַּאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

טַייעֶרע קִינְדֶער, מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִין גָאר אַ לֶעכְטִיגְן חֹדֶשׁ, חֹדֶשׁ כִּסְלֵו!

הָא... חֹדֶשׁ כִּסְלֵו דֶערְמַאנְט אוּנְז אַז עֶס קוּמֶען שׁוֹין צוּ גֵיין דִי חֲנוּכָּה טֶעג, וִוי לִיכְטִיג אוּן הֵיילִיג זֶענֶען דִי חֲנוּכָּה טֶעג, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ נָאר פוּן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט מִיט דִי זִיסֶע נִגוּנִים וֶועלְכֶע וֶוערְט וַוארֶעם אִין דִי בֵּיינֶער! בְּרֶעסְלֶבֶ'ע קִינְדֶער מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין גְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב! אֵיינֶער גְרֵייט זִיךְ מִיט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן צַדִּיקִים פוּן דִי מַעֲלוֹת פוּן חֲנוּכָּה, אַ צְווֵייטֶער מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף חֲנוּכָּה אָדֶער גְרֵייט מֶען זִיךְ מִיט זָאגְן לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אוֹיף חֲנוּכָּה, יֶעדֶער אִינְגֶל אוּן יֶעדֶער אִיד לוֹיט זַיין מַצָּב אוּן פַארְשְׁטַאנְד.

דִי וָואךְ אִין דִי פָּרָשָׁה פַארְצֵיילְט אוּנְז דִי תּוֹרָה וֶועגְן יַעֲקֹב אוּן עֵשָׂו, גְלַייךְ פוּן אָנְהֵייבּ גֶעבּוֹירְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ שׁוֹין גֶעקְרִיגְט וֶוער עֶס אִיז דֶער בְּכוֹר, בְּכוֹר מֵיינְט חֲשִׁיבוּת, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "אַף אֲנִי בְּכוֹר אֶתְּנֵהוּ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין דִי עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן זָאגְט, אַז יַעֲקֹב אוּן עֵשָׂו זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיף דֶער 'יֵצֶר טוֹב' מִיטְן 'יֵצֶר הָרָע', דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז אַן אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי - אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף אַלֶעמָאל קוּקְן אִינֶעם שֵׂכֶל וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ, אוּן זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ דִי חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ, אַז דִי 'שֵׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר' זָאל אִין אוּנְז אַרֵיינְשַׁיינֶען אוּן אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דָאס מֵיינְט אַז מִיר דַארְפְן אַרֵיינְקוּקְן אִין יֶעדֶע זַאךְ "וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי זַאךְ? אוּן וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ מַיין תַּכְלִית דוּרְךְ דֶער זַאךְ".

עֵשָׂו אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! עֶר ווִיל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן גָארְנִישְׁט, נָאר וָואס סְ'גְלוּסְט אִים יֶעצְט אִין דִי מִינוּט ווִיל עֶר שׁוֹין הָאבְּן! עֶר ווִיל נָאר תַּאֲווֹת פוּן דֶער וֶועלְט, דָאס אִיז אַ מִלְחָמָה מֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. יַעֲקֹב אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי טַייעֶרע הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, וָואס אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל, אוּן דָאס לִיגְט בַּיי יֶעדְן אִיד, אָבֶּער עֵשָׂו טַעֲנֶ'ט אַז עֶר אִיז דֶער בְּכוֹר, אַז קוֹדֶם קוּמְט דֶער גוּף מִיט זַיינֶע תַּאֲווֹת, דָאס אִיז בַּיי עֵשָׂו מֶער חָשׁוּבֶ'ער.




מִיר דַארְפְן אָבֶּער ווִיסְן אַז מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן מִיט זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד, וָואס לֶערְנֶען אוּנְז אַז אֲפִילוּ עֶס קֶען זִיךְ אוּנְז דַאכְטְן אַז עֵשָׂו אִיז זַייעֶר שְׁטַארְק אוּן יַעֲקֹב אִיז שְׁוַואךְ אוּן קְלֵיין, אָבֶּער אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט צוּם סוֹף אַז יַעֲקֹב הָאט בַּאקוּמֶען דִי בְּכוֹרָה, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אוּנְז, אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט עַקְשָׁנוּת אוּן תְּפִלּוֹת צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, וָואס ווִיל אוּנְז צֶעבְּרֶעכְן אוּן אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן אוּנְזֶער חֲשִׁיבוּת, עֶר ווִיל אוּנְז צֶעטְרֶעטְן מִיר זָאלְן נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גַּשְׁמִיּוּת אוּן זַאכְן פוּן עוֹלָם הַזֶּה, וָואס טַאקֶע דֶערְפַאר הֵייסְט עֶר עֵשָׂו פוּן לְשׁוֹן "עֲשִׂיָּה" וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף גַּשְׁמִיּוּת פוּן עוֹלָם הַזֶּה,

# הֶחָסִיד ר' שְׁלֹמֹה וֶועקְסְלֶער זצ"ל
## נלב"ע י' אדר ב' שְׁנַת תשי"ד

צְווִישְׁן דִי בַּאקַאנְטֶע עֶרְלִיכֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען דֶער חָסִיד ר' שְׁלֹמֹה וֶועקְסְלֶער זצ"ל וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַלֶע יְרוּשַׁלַיִ'מֶער אִידְן אִין יֶענֶער צַייט מִיט זַיין גְרוֹיס צִדְקוּת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, ר' שְׁלֹמֹה אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין דַייטְשְׁלַאנְד צוּ זַיין טַאטְן דֶער גָּאוֹן אוּן צַדִּיק ר' פִּנְחָס מֹשֶׁה אֶלְחָנָן זצ"ל וָואס אִיז גֶעוֶוען רַב אִין שְׁטָאט הֶעכְבֶּערְג.

אִין יֶענֶע תְּקוּפָה הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֶע ווִינְטְן פוּן הַשְׂכָּלָה ווִילְד גֶעבְּלָאזְן, ר' שְׁלֹמֹה וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אוּן וואוּילֶער נְשָׁמָה נָאךְ פוּן אַלְס קְלֵיין קִינְד, הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים פוּן שְׁטָאט וָואס דִי הַשְׂכָּלָה הָאט זֵיי שׁוֹין פַארְבְּרֶענְט וֶוען דִי פְרֶעמְדֶע דֵּעוֹת הָאבְּן שׁוֹין גֶעהֶערְשְׁט אִין זֵייעֶר מֹחַ, דֶערִיבֶּער פְלֶעגְט עֶר אַסַאךְ שְׁטְרֶעבְּן אוּן זוּכְן אַ רִיכְטִיגֶע וֶועג, וואוּ מֶען קֶען גֶעפִינֶען פְרִישֶׁע וַואסֶער פוּן אַ רֵיינֶער קְוָואל, וָואס זָאל בַּארוּאִיגְן אוּן אָנְפִילְן זַיין בֶּענְקֶעדִיגֶע הַארְץ.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִין דֶער יוּנְגֶער שְׁלֹמֶה'לֶע אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ סְפָרִים גֶעשֶׁעפְט, וואוּ עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ בַּאזוּכְן זוּכְנְדִיג אַלְטֶע אוּן נִישְׁט בַּאקַאנְטֶע סְפָרִים, אֶפְשַׁר דָארְט וֶועט עֶר טְרֶעפְן וָואס עֶס פֶעלְט אִים, דַאסְמָאל הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן צְווִישְׁן אַלֶע סְפָרִים אַ נֵייעֶר סֵפֶר וָואס עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעזֶען, אוֹיפְן סֵפֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן "לִקּוּטֵי עֵצוֹת" דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי סְפָרִים וָואס ר' אַהֲרֹן לֵייבּ צִיגְלְמַאן הי"ד הָאט גֶעדְרוּקְט אוּן מֵפִיץ גֶעוֶוען אִיבֶּער גַאנְץ אֵייְרָאפֶּע, שְׁלֹמֶה'לֶע הָאט בַּאצָאלְט פַאר'ן סֵפֶר אוּן מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ.

אַהֵיימְקוּמֶענְדִיג אִין שְׁטוּבּ הָאט זִיךְ דֶער יוּנְגֶער שְׁלֹמֶה'לֶע גֶעזֶעצְט אִיבֶּערְן סֵפֶר, וֶוען פוּן מִינוּט צוּ מִינוּט שְׁטֵייגְט זַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעפוּנֶען, הִתְבּוֹדְדוּת, חֲצוֹת, תְּפִלָּה, צְעָקָה, וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, פּוּנְקְט דָאס הָאט עֶר גֶעזוּכְט. וֶוער אִיז דֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶער צַדִּיק וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת וָואס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעווּאוּסְט בִּיז הַיינְט? אֵיין זַאךְ אִיז אִים קְלָאר גֶעוָוארְן, "דָאס אִיז מַיין וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט, מִיט דִי אֱמֶתְ'ע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת ווִיל אִיךְ בְּלַייבְּן". פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז ר' שְׁלֹמֹה אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִינֶעם טוֹיעֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיין לִיכְטִיגֶע וֶועג, אוּן דָאס מֶער נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

אַזוֹי ווִי ר' שְׁלֹמֹה הָאט אוֹיסְגֶעפָאלְגְט אַלֶע עֵצוֹת פוּנֶעם סֵפֶר נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן קֵיין אֵיינֶע פוּן זֵיי, לֶערְנֶענְדִיג אֵיינֶע פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אַז וֶוער עֶס ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן גֵיין מַדְרֵגָה לְדַרְגָּה אִין עֲבוֹדַת ה' דַארְף פָארְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט ר' שְׁלֹמֹה אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶועלְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ אוֹיסְפָאלְגְן אוֹיךְ דִי עֵצָה אוּן שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִין יֶענֶע צַייט אִיז דֶער מַצָּב אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן אָרֶעם, אַנְטְקֶעגְן דַייטְשְׁלַאנְד וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען אֲווֶעקְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן פַארְגֶעשְׁרִיטְן, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער נֵייעֶר גֶעדַאנְק פוּנֶעם אִינְגְן בָּחוּר גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע אִין אַלֶעמֶענְס אוֹיגְן בִּפְרָט אַזַא גֶעלוּנְגֶענֶער בָּחוּר, מִיט אַ גוּטֶע קֶעפְּל אוּן אַ גְלַאנְצִיגֶער צוּקוּנְפְט, אַ קִינְד פוּן אַ רָב אוּן פוּן אַזַא וַוארֶעמֶע מִשְׁפָּחָה זָאל זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיפְן ווִיסְטֶענִישׁ? קֵיינֶער הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין.

דֶער יוּנְגֶער שְׁלֹמֶה'לֶע הָאט זִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר גֶ'עקְשְׁנְ'ט מִיט זַיין שְׁטַארְקְן רָצוֹן בִּיז זַיין טַאטֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ צַדִּיק אוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם,

הָאט גֶעזֶען דִי אֱמֶת'דִיקֵייט פון זַיין פַארְלַאנְג, הָאט דֶער טַאטֶע אִים גֶעזָאגְט: "אויב דו ווִילְסְט קֶענְסְטוּ פָּאֹרן אַלֵיין, איך וועל דִיר דַאגֶה'ן פַאר דִי הוֹצָאוֹת", מֶען קֶען נִישְׁט שִׁילְדֶערְן דִי מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה פון ר' שְׁלֹמֹה הֶערְנְדִיג דֶעם טַאטְנְ'ס ווֶערְטֶער. ער הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעגְרֵייט און בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז ער אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף שְׁפְּרַייזְנְדִיג קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווֶען ער פַארְגֶעסְט נִישְׁט מִיטְצוּנֶעמֶען זַיין טַייעֶרֶע "לִקּוּטֵי עֵצוֹת" צוּזַאמֶען מִיט אִים.

*הֶמְשֵׁךְ אי"ה*

# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

### *המשך פון פאריגע וואך*

מַיין לֵב נִשְׁבָּר הָאט גוֹרֵם גְעוֶוען אַז איך בין גְעוָוארְן זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט בְּגַשְׁמִיּוּת..

איך בין גְעלֶעגְן אין בֶּעט מיט הוֹיכֶע הִיץ, נִישְׁט קֶענֶענְדִיג טוּן דָאס מִינְדֶעסְטֶע, נָאךְ אַפָּאר טֶעג לִיגְן אין בֶּעט מיט הוֹיכֶע פִּיבֶּער, הָאבּ איך גֶעוָואלְט זִיךְ דֶערְקְווִיקְן מיט עֶפֶּעס אַן אִינְטֶערֶסַאנְטֶע סֵפֶר אָדֶער בִּיכְל, בִּין איך צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פִּישְׁקֶעס וואוּ עֶס איז גֶעלֶעגְן מַיינֶע סְפָרִים וָואס איך הָאבּ בַּאקוּמֶען לִכְבוֹד מַיין בַּר מִצְוָה, רוֹב סְפָרִים איז נָאךְ גֶעלֶעגְן דָארְט פַארְפַּאקְט, דָארְט הָאבּ איך גֶעטְרָאפְן אַ שֵׁיינֶעם אוּמְגֶעבִּיצְטֶע סֵפֶר "עָלִים לִתְרוּפָה"! איך הָאבּ זִיךְ קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסִירְט אין דֶעם סֵפֶר, איך הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֵייעֶנען דִי בְּרִיוְון פון ר' נָתָן און גֶעשְׁלוּנְגֶען דִי ווערְטֶער אַזוֹי ווי אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין וָואכְן לַאנְג נִישְׁט נַאס גֶעמַאכְט זַיין צִינְג, אַזוֹי בִּין גְעוָוארְן צוּגֶעבִּיגְדְן צוּם סֵפֶר און פַארְגֶעסְן פון מַיין הִיץ וָואס הָאט מִיךְ בַּאטְרָאפְן דִי לֶעצְטֶע טֶעג.

אַזוֹי ווי איך בין גְעוָוארְן אָנְגֶעוַואֶרעמְט צוּ דֶעם סֵפֶר, הָאט איך צאַמְגֶעשְׁטֶעלְט אַ חֲבוּרָה - גְלַייךְ נָאכְן צוּרִיקְקוּמֶען אין יְשִׁיבָה - וואוּ



מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט דִי בַּייעֶלֶעכְטִיגֶע ווֶערְטֶער, וואוּ ר' נָתָן, בְּרִיוו אֵיין בְּרִיוו אוֹיס בַּאגִיסְט אוּנְז מיט הָאפֶענוּנְג און שִׂמְחָה, חִזּוּק און אֱמוּנָה.

מַיין עָלִים לִתְרוּפָה איז גְעוָוארְן כִּמְעַט צוּרִיסְן, פון אַזוֹיפִיל הַגָּהוֹת וָואס איך הָאבּ צוּגֶעצֵייכְנְט צוּ יֶעדֶע צְווֵייטֶע בְּרִיוו, בִּיז איך הָאבּ עֶס גֶעמוּזְט בִּינְדְן, און דֶער סֵפֶר איז גְעוָוארְן אַ פַארְבִּינְדוּנְג צְווִישְׁן מִיר מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וויאַזוֹי נָאכְצוּ ווֶערְן מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער אויף דִי ווֶעג פון הִתְחַזְּקוּת.

הַיינְט הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּרִיוו וואוּ ר' נָתָן זָאגְט פַאר זַיין זוּן ר' יִצְחָק. אַז לְמָשָׁל ווֶען דֶער רֶבִּי גִיט אוּנְז דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֶען דִי רְמָזִים פון יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אִים, יֶעדְן דִבּוּר וָואס ער הֶערְט, אָדֶער יֶעדֶע זַאךְ וָואס ער זֶעט אַרוּם זִיךְ, זָאל ער ווִיסְן אַז דָאס זֶענֶען רְמָזִים פון הִימְל אִים צוּ מְקָרֵב זַיין צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. פִּירְט ר' נָתָן אוֹיס: "אֲפִילוּ אויב דו פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט פּוּנְקְט דֶעם רֶמֶז וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווִיל פון דִיר, אָבֶּער דו גְלֵייבְּסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דִיר גֶעשִׁיקְט דֶעם רֶמֶז און דו בַּאמֶערְקְסְט אַ רֶמֶז פון הִימְל, איז דָאס שׁוֹין אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב!"

(מִכְתָּב פ"ז)

**לגאמיר זיך פארן הערן**

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די צענטע מעשה (6)
## דער בערגיר מיטן ארימאן

צו ענטפערן די בחינות און
אריינגיין אינעם גורל,
02-5-3333-72
646-518-1095   1-518-329-9149

**א. וואס האבן געטון אין מדבר דער קעניג און די בת קיסר און דער זוהן פון בערגיר?**
- ☐ געשפילט אויף כלי שיר
- ☐ זיך געפרייעט און געטאנצט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וועלכע האלץ פלעגן זיי ברענען דארטן?**
- ☐ האלץ וואס איז טייערער פון זילבער אין ישוב
- ☐ האלץ וואס איז טייערער פון דיימאנטן אין ישוב
- ☐ האלץ וואס איז טייערער פון גאלד אין ישוב

**ג. ווער האט זיך דער ערשטער אנטפלעקט (באוויזן) ווער ער איז?**
- ☐ דער קיסר
- ☐ דער זוהן פון בערגיר
- ☐ די טאכטער פון קיסר

**ד. ווער האט זיך דער צווייטער אנטפלעקט (באוויזן) ווער ער איז?**
- ☐ דער קיסר
- ☐ דער זוהן פון בערגיר
- ☐ די טאכטער פון קיסר

**ה. אין וויפיל בוימער האט דער זוהן פון בערגיר יעדן טאג געזוכט די כתב?**
- ☐ אין צוויי
- ☐ אין דריי
- ☐ ער האט נישט געציילט וויפיל

**ו. וואס האט דער זוהן פון בערגיר געטון ווען ער האט נישט געטראפן די כתב?**
- ☐ געווארן בעצבות
- ☐ געוויינט
- ☐ זיך געשטארקט

**ז. ווער האט געטראפן די כתב?**
- ☐ דער קיסר
- ☐ דער זוהן פון בערגיר
- ☐ די טאכטער פון קיסר

**ח. וואס איז געשען מיט דער זוהן פון בערגיר ווען מ'האט געטראפן די כתב?**
- ☐ ער איז געפאלן חלשות
- ☐ ער האט זיך זייער געפריידט
- ☐ ער האט געווינט פון איבער געוומענקייט

**ט. וואס האט דער זוהן פון בערגיר געטון מיט די כתב וואס מ'האט געטראפן?**
- ☐ ער האט עס געגעבן פארן קיסר
- ☐ ער האט עס געהאלטן פאר זיך
- ☐ ער האט עס געגעבן פאר די טאכטער פון קיסר

**י. איז דער קיסר געגאנגען מיט דער זוהן פון בערגיר און די טאכטער פון קיסר?**
- ☐ ער איז געבליבן אליין
- ☐ זיי זענען געגאנגען די אלע דריי אין איינעם
- ☐ ער איז געגאנגען נאך זיי

**יא. צו וועלכע מדינה זענען זיי אנגעקומען?**
- ☐ צו די מדינה וואס דער בערגיר איז דארטן
- ☐ צו די מדינה וואס די קיסרית זיצט דארטן
- ☐ צו די מדינה וואס דער רוצח איז דארטן

**יב. וואס האט די טאכטער פון קיסר געשיקט זאגן פאר איר מאמע?**
- ☐ אז מ'האט געטראפן איר טאכטער
- ☐ אז עס איז דא א מענטש וואס האט איין ידיעה פון איר טאכטער
- ☐ אז עס איז דא א איינער וואס ווייסט וואו די טאכטער איז

**יג. וואס האט די טאכטער פון קיסר אליין דערציילט נאכדעם פאר איר מאמע?**
- ☐ וואס ס'האט זיך געטון מיט איר טאכטער
- ☐ וואס ס'האט זיך געטון מיטן קיסר
- ☐ וואס ס'האט זיך געטון מיטן זוהן פון בערגיר

**יד. ווער האט געהאט גרויס גדולה נאכדעם?**
- ☐ דער קיסר
- ☐ די טאכטער פון קיסר
- ☐ דער בערגיר

**טו. וואס לערנסטו זיך ארויס פון די מעשה?**
- ☐ אז עס איז נישטא קיין יאוש אויף די וועלט
- ☐ אז ביים סוף וועט אלעס ווערן פאראכטן
- ☐ ________________________.



**דער ריינער קוואל**

וואס איז פיל מיט עַצְבוּת.

אָבֶער צום סוֹף וֶועט די נְשָׁמָה זַיין דֶער בְּכוֹר דָאס מֵיינְט אַז די נְשָׁמָה וֶועט זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְן גוּף, דֶער יֵצֶר טוֹב וֶועט גֶעווִינֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, און בִּכְלָלִיּוּת, צום סוֹף וֶועט די גַאנְצֶע וֶועלְט ווִיסְן אַז די אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען דֶער אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּענֶער פָאלְק און נָאר פַאר זֵיי הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן די גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן די תְּפִלָּה וָואס מִיר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג בַּיי מַעֲרִיב "כִּי פָדָה ה' אֶת יַעֲקֹב וּגְאָלוֹ מִיַּד חָזָק מִמֶּנּוּ" דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פון אַלֶע שְׁטַארְקֶע שׂוֹנְאִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת, און מִיר וֶועלְן אַלֶע מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע בְּרָכָה "בָּרוּךְ אַתָּה ה' גָאַל יִשְׂרָאֵל", אָמֵן וְאָמֵן.

**אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**